# אוצר השבת

ארויסגעגעבן פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## אמור

## שֵׁינָה בְּשַׁבָּת תַּעֲנוּג

### שְׁלָאפְן שַׁבָּת - א תַּעֲנוּג

**שַׁבָּת** זענען אַלֶע הערן פון די אֻמּוֹת הָעוֹלָם אין הִימֶל פארנומען מְקַבֵּל צוּ זיין שפייז, יעדער הער איז מְקַבֵּל די שפייז פאר זיין פאלק, און וויבאלד זיי זענען פארנומען פאר זייערע מענטשן, דעריבער זענען זיי נישט מְקַטְרֵג אין די זעלבע צייט אויף די אִידִישֶע קינדער, דערפאר איז דאָס שְׁלָאפְן אוּם שַׁבָּת א תַּעֲנוּג ווייל די נְשָׁמָה גייט דעמאלס ארויף הויך אין הִימֶל און קיינער איז נישט מְקַטְרֵג אויף אִים. **זר זהב בשם האר"י ז"ל**

**הגה"ק** רַבִּי הִילֵל מקאלאמאיי זַצ"ל ברענגט אין סֵפֶר עֵת לַעֲשׂוֹת אִיבֶּער דעם עִנְיָן פון שְׁלָאפְן שַׁבָּת נאכמיטאג ווי פאלגענד:

**שְׁאֵלָה י"ד: אויב שְׁלָאפְן און שפאצירן גֵיין איז אין כְּלָל פון מִצְוַת עוֹנֶג שַׁבָּת, אדער נישט.**

**תְּשׁוּבָה:** דער תַּכְלִית פון יעדן מענטש צוליב וואס ער איז געקומען אויף דער וועלט איז אז ער זאל האבן אֱמֶת'דיגן יִרְאַת שָׁמַיִם, און ער זאל די געבאטענע מִצְוֹת אֱמֶת'דיג ווי עס געבירט זיך מְקַיֵּים זיין, אוֹיב מ'איז אבער דערוייטערט פון תּוֹרָה לערנען איז דאך נישט מעגליך מְקַיֵּים זיין א מִצְוָה ווי עס געבירט זיך, אזוי ווי די מִשְׁנָה זאגט: אִם אֵין תּוֹרָה אֵין יִרְאָה - דארט וואו עס איז נישטא קֵיין תּוֹרָה קען קֵיין אֱמֶת'דיגע יִרְאַת שָׁמַיִם נישט זיין, ווייל זיי ווייסן נישט די דִּינִים ווי אזוי מ'זאל די מִצְוָה טוהן, דעריבער שטייט אין מִדְרָשׁ אז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט געזאגט פאר משֶׁה רַבֵּינוּ, מאַך דִּיר יעדן שַׁבָּת גְרוֹיסֶע פארזאמלונגן און דוּ זאלסט זיי פארלערנען די דִּינִים וואס זיי נויטיג צו וויסן, און אזוי אויך זיי פארצולערנען אזעלכע אויפקלערנוגן וואס זאל אויפפירן און אויפפלאמען זייער הארץ צו אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ און זיין הייליגע תּוֹרָה, כְּדֵי די צוקונפטיגע דוֹרוֹת זאלן זיך אפלערנען פון דִּיר אז זיי זאלן יעדן שַׁבָּת מאכן פארזאמלונגען, און זיי זאלן לערנען און אונטערריכטן אִידִישֶע קינדער, ווי אזוי זיי זאלן זיך פירן אויב זיי ווילן זיין ערליכע אידן, און ווען זיי וועלן אזוי טאן, טוהט זיי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אזויפיל שְׂכַר צוטיילן ווי זיי וואלטן אִים געקרוינט אויף דער וועלט.

**אצינד** געננוג ביטער איז אז מִיר זענען אין דעם ביטערן גָלוּת, [און מִיר האבן נישט אונזערע אייגענע גיטער וואס דורך דעם זאלן מִיר קענען שְׁטֶענְדִיג דינען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ] אז מִיר מוּזְן זיך באשטרעבן די גאנצע וואכנטעג אונזער גאנצע צייט פארשוונדן וועגן פַּרְנָסָה זוכן, דעריבער איז דאך א גְרוֹיסֶע חוֹב אז ווען דער הייליגער שַׁבָּת קומט, וואס דעמאלס זענען מִיר נישט באשעפטיגט מִיט פַּרְנָסָה זוכן, אז מִיר זאלן אויף אִים זייער אכטונג געבן מיטן גאַנְצְען כֹּחַ, נאר צוּ באניצן אִים צוּ תּוֹרָה און צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם, די קלענסטע צייט נישט צוּ פארווענדן מִיט שְׁלָאפְן, שפאצירן גֵיין, אדער צוּ רעדן דְּבָרִים בְּטֵלִים, איבערהויפט נישט צוּ פארברענגן די צייט וְכוּ' כְּדֵי מִיר זאלן דורך דעם כאטש א שטיקל ערזאץ האבן אויף די עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ פון די וואכנטעג וואס דעמאלס איז זִי ליידער זייער ווייניג.

**עת לעשות**

**שטייט** אין [ילקוט ראובני פ' ואתחנן] שֵׁינָה בְּשַׁבָּת תַּעֲנוּג אז צוּ שְׁלָאפְן אוּם שַׁבָּת איז א פארגעננוגן. קען זיין אז די כַּוָּונָה איז אזוי, דער וואס זיצט אוּם שַׁבָּת ליידיג ער ברענגט אָפּ דעם הייליגן שַׁבָּת מִיט גארנישט וואס איז גלייך ווי ער שלאפט, און אויף אִים איז געזאגט געווארן שֵׁינָה בְּשַׁבָּת תַּעֲנוּג מען פארשלאפט שַׁבָּת דעם תַּעֲנוּג.

**תורת אבות, שבת אות קי"ג**

# שֵׁינָה בְּשַׁבָּת תַּעֲנוּג

**שֵׁינָה** בְּשַׁבָּת תַּעֲנוּג דער פֵּירוּשׁ קען זיין, אז אוֹיֵב דער מענטש עסט און טרינקט און א גַאנְצְען שַׁבָּת איז ער נאר באשעפטיגט בְּעִיקָּר מְעַנֵּג צו זיין זיין גוּף, אבער פאר זיין נֶפֶשׁ האָט ער נישט מְעַנֵּג געווען מִיט א תַּעֲנוּג רוּחָנִי, דעמאלט פארשלאפט ער דעם תַּעֲנוּג הָרוּחָנִי פון דעם שַׁבָּת.

**אור ישרים, סלונים**

**הָרַב** הַקָּדוֹשׁ מִצַאנְז זי"ע פלעגט שְׁטֶענְדִיג פרייטאג צו נאכטס צו פארציילן א שיינעם שמועס, איינמאהל איז געווען א קלוגער מענטש וואס מען פלעגט אִים צו רופן הִירְשְׁלִי גַּנָּב, אין זיינע צייטן איז געווען א קעניג אין אַשְׁכְּנַז אויך א קלוגער מענטש וואס מען האָט אִים אויך גֶערוּפְן הִירְשְׁלִי גַּנָּב דער קעניג איז געוואוינט געווען ווייניג צו שְׁלָאפְן.

**הָאט** מען געפרעגט דעם קעניג פארוואס שלאפט ער ווייניג, האָט ער אזוי געענטפערט: איך וויל נישט פארשלאפן די מְלוּכָה, ווייל ווען איך שלאף בין איך נישט דער קעניג.

**דער** נִמְשַׁל איז אז שַׁבָּת קוֹדֶשׁ איז א שאָד צו שְׁלָאפֶן, ווייל מען פארשלאפט דעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

**אבער** ווען עס איז געווארן שפעט בייִנאכט פלעגט דער הייליגער צאנזער רב צו זאגן [משלי ד' כ"ה] עֵינֶיךָ לְנֹכַח יַבִּיטוּ, נֹכַח איז די רָאשֵׁי תֵּיבוֹת נִ'שְׁמַת כָּ'ל חַ'י, דעריבער מוּז מען גֵיין שְׁלָאפְן כְּדֵי מען זאל קענען מאָרגן אינדערפרי זאגן נִשְׁמַת כָּל חַי.

**דרכי חיים**

**כ"ק** מרן אדמו"ר הגה"ק מסאטמאר בעל ויואל משה זי"ע האָט אמאל געזאגט, אז וויבאלד שֵׁינָה בְּשַׁבָּת תַּעֲנוּג דעריבער איז ענדערש אז מען זיך נישט לייגן שַׁבָּת נאכמיטאג אין בעט שְׁלָאפְן, כְּדֵי מען זאל האבן א סאַך מער תַּעֲנוּג, ווייל אז מען לייגט זיך אין א בעט שְׁלָאפְן האָט מען נאר צוויי מִינוּט תַּעֲנוּג, די ערשטע מִינוּט ווען מען גייט זיך לייגן שְׁלָאפְן, די צווייטע מִינוּט ווען מען וועקט זיך אויף, אבער אז מען דרימאלט נאר שַׁבָּת אִיבֶּער א סֵפֶר מען לייגט זיך נישט אין א בעט שְׁלָאפֶן, דערוועקט מען זיך אִיבֶּער יעדע פאָר מִינוּט, האָט מען אסאך מער תַּעֲנוּג אום שַׁבָּת, יעדע מִינוּט ווען מען דרימלט אֵיין, און די צווייטע מִינוּט וואס מען וועקט זיך אִיבֶּער.

**כ"ק** אַדְמוֹ"ר מִסְקוּלֶען זַצַ"ל האָט נאכגעזאגט פון זיין טאטן זַצַ"ל אז דער מַאֲמָר שֵׁינָה בְּשַׁבָּת תַּעֲנוּג איז געזאגט געווארן ווי א קַשְׁיָא, ווי קען מען פארשלאפן דעם תַּעֲנוּג פון הייליגן שַׁבָּת.

**השבת נועם הנשמות**

**נָאךְ** א פְּשַׁט קען זיין, מִיט די הַקְדָּמָה וואס דער בַּעַל הַטוּרִים זאגט אויפ'ן פָּסוּק וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ [בראשית כ"ח ט"ז] אז יַעֲקֹב אָבִינוּ איז געווען אין א הויכע מַדְרֵיגָה דורך דעם וואס ער איז געווען א גַאנְצְען טאג אריינגעטאן אין לערנען תּוֹרָה אז אֲפִילוּ בְּשְׁעַת ווען ער איז געשלאפן האָט ער אין חָלוֹם אויך געלערנט.

**דאס** קען זיין פְּשַׁט שֵׁינָה בְּשַׁבָּת תַּעֲנוּג אזא צַדִּיק וועלכע איז אין א הויכע מַדְרֵיגָה ווי עס קאכט אין אִים דער גרויסער קְדֻושַּׁת הַשַּׁבָּת, מען שלאפט מִיט דעם קְדֻושַּׁת הַשַּׁבָּת, בִּשְׁעַת מען שלאפט איז מען אויך נישט מַסִּיחַ פון דעם קְדֻושַּׁת הַשַּׁבָּת, דעמאלס איז דער שלאף א אֱמֶת'דיגער רוּחָנִיּוּת'דיגע תַּעֲנוּג, וועלכער איז אויך מַשְׁפִּיעַ א תַּעֲנוּג גַּשְׁמִי.

**השבת נועם הנשמות**

**כ"ק** אַדְמוֹ"ר מִסְקוּלֶען זַצַ"ל האָט זיך יעדע נאכט געפירט איידער ער האָט געליינט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה האָט ער געלערנט אַן הֲלָכָה פון הִלְכוֹת שַׁבָּת, בְּדֶרֶךְ רֶמֶז האָט ער געזאגט שֵׁינָה בְּשַׁבָּת תַּעֲנוּג אז מען שלאפט אֵיין בִּשְׁעַת מען לערענט אַן הֲלָכָה פון הִלְכוֹת שַׁבָּת, דעמאלס איז דער שלאף א תַּעֲנוּג.

**השבת נועם הנשמות**

**שַׁבָּת** איז די נוֹטָרִיקוֹן שֵׁ'ינָה בְּ'שַׁבָּת תַּ'עֲנוּג. חֲסִידִים פלעגן טייטשן שֵׁינָה מיינט שוֹנֶה אז לערנען אום שַׁבָּת איז א תַּעֲנוּג.

**ליקוטי שבת**

**שֵׁינָה** בְּשַׁבָּת תַּעֲנוּג דאָס ווארט שֵׁינָה גייט ארויף און אראפ. דער פְּשַׁט איז אזוי אויב שֵׁינָה בְּשַׁבָּת מען פארשלאפט דעם שַׁבָּת דעמאלט איז אויך שֵׁינָה תַּעֲנוּג פארשלאפט ער דעם תַּעֲנוּג פון שַׁבָּת.

**בשם הרה"ק מרוזין, אמרי פנחס שַׁבָּת אות מ"ז**